*ב"ה*

# דבר תורה

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## פרשת וישלח

---

אויף דער פסוק *ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה*, זאגט דער מדרש, *חמור* זה *מלך המשיח* שנאמר עני ורוכב על חמור וגו'.

*ביאת המשיח* איז אפהענגיק אין דעם וואס יעדער איד וועט הייליג מאכן, זיין גוף און נפש הבהמית און זיין חלק אין וועלט, און אויסנוצן זיי אין קדושה, דורך דעם וועט מען צוקומען צו די גאולה.

און דאס איז דער המשך פון די פסוקים, *עם לבן גרתי* גו' *ויהי לי שור וחמור* - דורך דעם וואס יעקב האט געמאכט די גשמיות'דיקע זאכן כלים צו אלקות - *גרתי* כפשוטו, וואוינען אין זיי - דורך דעם איז ער שוין געווען גרייט צו משיח'ן.

און צוליב דעם האט יעקב געשיקט מלאכים צו עשו'ן, דערציילן אים, אז ער האט שוין דורכגעטאן אלע בירורים, און איז גרייט צו משיח'ן, רעכענענדיק, אז אויך עשו איז שוין גרייט פאר די גאולה.

אויף דעם האבן אים די מלאכים געענטפערט, *באנו אל אחיך אל עשו*. פון דיין זייט איז ער שוין "*אחיך*" - ביסט שוין גרייט צו דער גאולה, אבער ער פון זיין זייט איז נאך "עשו", דעריבער קען נאך ניט קומען די גאולה.

*תורה און אירע לערנונגען זיינען אייביק, פאר יעדן אידן, אין יעדער צייט און אין יעדן ארט.*

די הוראה פון דעם אלעם איז: יעדער איד דארף וויסן, אז אפילו אויב דער וועלט, איז נאך ניט גרייט עס זאל שוין קומען די גאולה, ווארום די וועלט איז נאך ניט אויסגעאיידלט, אבער ער פון זיין זייט - דארף צוגרייטן זיך מיט אלע זיינע ענינים, צו דער גאולה שלימה.

און דורך דעם וואס ער גרייט זיך צו מיט זיינע ענינים צו דער גאולה, פועל'ט ער עס אויך אין וועלט, ווארום די וועלט איז דאך שקול (גלייך אויף גלייך), דעריבער קען ער מיט *איין* מידה טובה איבערבייטן די גאנצע וועלט, און ברענגען די גאולה.

און ווי דער רמב"ם פסק'נט: ישראל שעושים תשובה *מיד* נגאלים (ווען אידן טוען תשובה ווערן זיי *גלייך* אויסגעלייזט). און דער *אלטער רבי* איז מוסיף: *תיכף ומיד*. דעריבער איז ניט קוקענדיק אויף'ן מצב פון דער וועלט, קען ער דורך תשובה ברייגגען די גאולה.

אלע ענינים זיינען דאך בהשגחה פרטית. די *גאולה פון אלטן רבי'ן* מיט חסידות - י"ט כסלו תקנ"ט [וואס הייגטיקע יאר ווערט 202 יאר] - איז געווען אין דער וואך וואס נאך שבת *פרשת וישלח*, אין וועלכער עס זיינען פאראן די אויבנדערמאנטע הוראות.

חסידות גיט יעדן אידן דעם כוח אויף ניט רעכענען זיך מיט דעם מצב פון וועלט, דורכטאן
ביי זיך די עבודה פון *עם לבן גרתי*, ובמילא צוקומען צום *ויהי לי* גו' *וחמור* זה *מלך המשיח*.

חסידות איז א צוגרייטונג און א כלי צום גילוי המשיח, אז דורך *יפוצו מעינותיך חוצה* איז
*קא אתי מר*, *במהרה בימינו*.

(מלוקט משיחות ש"פ וישלח, תשט"ז-ח"י)

*

*על ידי חיזוק ההתקשרות בלימוד תורתו וקיום הוראותיו*
*נזכה תיכף "זעהן זיך מיט ן רבי ן" בעיני בשר*
*והרבי יוליכנו אל הגאולה*

יוצא-לאור ע"י:
כיתה ג (ד) של
*מוסד חינוך "אהלי תורה - אהלי מנחם"*
667 איסטערן פארקוויי
כאן צוה ה' את הברכה
ברוקלין, ניו יארק
E-Mail: Editor of Dvar Torah
עורך: הרב דוד שי' הערצל

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד**

Back to "Dvar Torah"